ב"ה

# טעראַפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 85

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## אויסלויבן און אויסרימען, און זיי ליב האבן

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת שמיני-ב, כ"ג ניסן, אסרו חג, מברכין אייר, שנת תשפ"ו לפרט קטן

משפחת ... שיחיו. דאס וואס מיר האבן גערעדט וכו'; מען דארף וויסן אז מען קען נישט טאג און נאכט קריטיקירן, מוהרנ"ת האט אונז געלערנט אז **פאר יעדע לעפל מוסר דארף מען גיסן א שיסל התחזקות**; בפרט פאר קינדער, מען דארף זיי אויסלויבן און אויסרימען, און זיי ליב האבן, אז די מוסר זאל האבן ווי חל צו זיין; אמאל טראכטן קינדער 'וואס האב איך צו פרובירן צו זיין גוט און פאלגן וכו' - אז איך בין סיי ווי נישט גוט, איך בין סיי ווי א שלעכטע קינד, מיינע עלטערן האבן מיך סיי ווי נישט ליב...'

רוב פעלער, אויב נישט אלע, וואס קינדער גייען אוועק פון די וועג פון די עלטערן - איז **צוליב דעם וואס זיי האבן א געפיל אז מען האלט סיי ווי נישט פון זיי**, מען האט נישט קיין טראסט אין זיי; דאס איז די גורם זיי זאלן זיך נישט גוט פירן.

זעט אויסצולויבן, אויסרימען און פארלאנגען, אבער מיט אסאך ליבשאפט.

## מיין שווער קוקט מיר אראפ, וואס קען איך טון?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב חתונה געהאט בערך א יאר צוריק, איך בין זייער צופרידן אינדערהיים. איין זאך שטערט מיר זייער שטארק, אז מיין שווער קוקט אויף מיר אראפ, ער איז מיר מבטל און האלט אז איך בין גארנישט ווערד.*

*מיין שווער איז א חשוב'ער מענטש, מיין טאטע איז אויך אן איש מכובד, ס'קוקט אויס אז די שידוך איז געמאכט געווארן לכבוד די מחותנים, אבער מיר אליין גלייכט נישט מיין שווער. ער זאגט מיר נישט קיין דעות, פארקערט, ער האט מיר נאך קיינמאל נישט געזאגט קיין דעה אויף וואס איך טו, און איך בין אים זייער מכיר טובה דערויף, אבער איך זע אויף זיינע בליקן, ווען איך זיץ ביי די סעודה און אנדערע פלעצער, אז ער איז מזלזל אין מיר, ער האלט פון מיר ווי פון א קליין קינד, און ווען איך רוף זיך אמאל אן עפעס ביי די סעודה, קוקט ער אזוי זייטיג מיט זלזול, אמאל קען ער עס אפילו אוועקמאכן מיט א מאך מיט די הענט.*

*איך האב א נאנטע קשר אינדערהיים, איך בין זייער צופרידן און איך מיין אז זי איז אויך צופרידן.*

*אסאך מאל פאר שבת, גרייט איך זיך צו, איך זאל קומען צוגעגרייט צו א סעודה און איך זאל האבן וואס צו רעדן, אבער מיט דעם אלעמען, ער באהאנדלט מיר ווי א קליין קינד, אפילו אין אנדערע זאכן. איך האלט נישט אז ער האט טענות אויף זאכן וואס איך טו, איך מיין אז ס'איז נישטא אויף וואס צו האבן קיין טענות. ער באטראכט מיר נאר ווי א נאר, און ער מיינט אז איך שפיר עס נישט.*

*דאס שטערט מיר מורא'דיג שטארק און איך קען עס שוין נישט איבערטראגן. דער ראש ישיבה האט אן עצה פאר דעם?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ויקרא, ד' ניסן, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### זייער אסאך אינגעלייט גייען דאס אריבער

איך קען דיר נישט און איך קען נישט דיין שווער, איך ווייס נישט אויב עס איז טאקע אזוי; ווי איך פארשטיי פון דיינע ווערטער זעט מיר אויס אז דאס איז דיין אייגענע פראבלעם, עס איז דו אליינס וואס דו קלאפסט זיך אראפ ווען דו גייסט צו דיין שווער. דו ביסט נישט דער איינציגסטער מיט דעם פראבלעם, זייער אסאך אינגעלייט גייען דאס אריבער אין זייערע ערשטע יארן, מען צעדרוקט זיך אליינס, מען וויל מאכן א פנים פאר'ן שווער אז מען איז א למדן וכו'.

### וואס וועט מיין איידעם זאגן אויף מיר?

דאס זעלבע זענען דא פארקערט, אסאך צעדרוקן זיך פון זייער איידעם; מען הייבט אן מאכן נייע מנהגים פון ווען די טאכטער האט חתונה, מען האט מורא 'וואס וועט מיין איידעם זאגן אויף מיר? וואס וועט מיין איידעם טראכטן אויף מיר?' מען הייבט זיך אן פירן אנדערש ווי ביז אהער, דער איידעם זיצט ביים טיש מיט זיינע דמיונות און דער שווער זיצט אנטקעגן אים מיט זיינע דמיונות,ביידע שפילן א שווערע שפיל, עס דרוקט זיי אין מח, יעדער מיינט אז דער אנדערער קוקט אים אראפ אדער ארויף.

בעט דעם אייבערשטן זאלסט ארויסגיין פון דמיון, זאלסט אנהייבן לעבן מיט'ן אייבערשטן; טון וואס דער אייבערשטער זאגט מיט א שמחה און אויב יענער האלט יא פון מיר אדער נישט - דאס האט נישט מיט מיר, דאס האט מיט יענעם. איך ווייס פון א ברסלב'ער חסיד וואס ביי אים איז נישט קיין חילוק

ווען מען געבט אים א קאמפלימענט אדער מען זאגט אים קריטיק, ער פאר זיך בעט דעם אייבערשטן ער זאל טון נאר דעם רצון השם און וואס אנדערע זאגן האט נישט מיט אים, עס גייט אים ניטאמאל אן.

**זאלסט קיינמאל נישט רעדן צו איר קעגן אירע עלטערן**

לאמיר זאגן אז עס איז יא אמת, דיין שווער לאכט זיך אונטער פון דיר, זאלסטו זיך נישט נעמען צום הארץ; זאלסט אכטונג געבן נישט צו דערציילן דיין ווייב, איך פארשטיי פון דיינע ווערטער אז דיין ווייב קוקט יא שיין אויף דיר, איז דאך גוט; דאס איז דאך דער עיקר, עס זאל זיין שלום אין שטוב, עס זאל זיין אהבה אין שטוב. זאלסט קיינמאל נישט רעדן צו איר קעגן אירע עלטערן; זאלסט איר שטענדיג זאגן 'דיין טאטע איז א גוטער מענטש', זי וועט דאס איבערזאגן פאר אירע עלטערן, אזוי וועט דיין שווער אנהייבן קוקן שיין אויף דיר.

אין יעדנפאלס, מען לאכט יא פון דיר - מען לאכט נישט פון דיר, דו זאלסט זען מען זאל האלטן פון דיר אין הימל, אויבן זאל מען קוקן שיין אויף דיר.

**רבונו של עולם וואס האלסטו פון מיר?**

דערמאנסט מיר א מעשה וואס מוהרא"ש פלעגט אסאך דערציילן. עס איז באוויסט אז צדיקים האבן געהאט א גרויסער ענין צו אונטערהערן פסח ביינאכט ווי פשוט'ע מענטשן מאכן דעם סדר מיט זייערע גרייזן וכו', איינער פון די צדיקים האבן געהערט פסח ביינאכט ווי א פשוט'ער איד וויינט ביי די ווערטער: "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר?" ער האט עס איבערגעזאגט נאכאמאל און נאכאמאל מיט הייסע טרערן, ווען מען האט אים געפרעגט: "וואס איז דא צו וויינען ביי די ווערטער?" האט ער געענטפערט: "איך פארשטיי נישט גארנישט, איך זע דער חכם זאגט עפעס, דער רשע זאגט עפעס, וואס גייט מיר אן וואס דער חכם זאגט אויף מיר? וואס גייט מיר אן וואס דער רשע האלט פון מיר? איין זאך גייט מיר אבער יא אן: 'תָּם, מָה הוּא אוֹמֵר'?ער ווייזט מיט'ן פינגער ארויף אויבן: 'וואס זאגט מען אויף מיר אויבן אין הימל (אויף רוסיש זאגט מען 'דארט' - תָּם); דער האלט פון מיר, דער צווייטער האלט נישט פון מיר, איינער זאגט איך בין א בטלן, א צווייטער זאגט איך בין א שלימזל, **אבער רבונו של עולם וואס האלסטו פון מיר? רבונו של עולם איך וויל דו זאלסט קוקן אויף מיר גוט, איך וויל זיין ערליך, איך וויל זיין הייליג; מער פון דעם אינטערעסירט מיר נישט'.**

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו לעבן מיט אמונה, עס זאל אונז נאר אנגיין רצון השם יתברך.

**'וואס וועט מיין איידעם זאגן אויף מיר? וואס וועט מיין איידעם טראכטן אויף מיר?' מען הייבט זיך אן פירן אנדערש ווי ביז אהער, דער איידעם זיצט ביים טיש מיט זיינע דמיונות און דער שווער זיצט אנטקעגן אים מיט זיינע דמיונות, ביידע שפילן א שווערע שפיל.**

## נישט יעדע קינד דארף גיין צו טערעפי

בעזרת ה' יתברך - יום ד' לסדר כי תבוא לאומאן, י"ז אלול, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז נישט שייך צו ענטפערן די פראגע באופן כללי ווען איך ווייס נישט די מעשה פון דער נאנט; פון איין זייט קען מען זאגן אז זי דארף באקומען הילף, פון די אנדערע זייט קען מען זאגן וואס מען זאגט אויף יעדן קינד - אז מען דארף טערעפי.

ווייל ווער עס ווייסט וואס טוט זיך היינטיגע טעג ביי די קינדער, די מלמדים און טיטשערס מיינען אז מען האט זיי גענומען צו לערנען מיט די קינדער וואס פאלגן מיט איין מאל הייסן; אנשטאט ארבעטן שווער מיט די קינדער, אריינלייגן אין זיי די גאנצע הארץ - איז די גרינגסטע און שנעלסטע וועג פאר זיי צו זאגן פאר די עלטערן: "**דאס קינד דארף הילף**", אדער אויב די מוסד האט א פראגראם וואס צאלט פאר שוואכע קינדער זוכט מען מיט ליכט נאך א קינד און נאך א קינד כדי צו קענען געניסן פון די גרויסע געלטער, און אז א קינד איז **לעבעדיג** דארף דאס קינד שטארקע הילף, און אז דאס קינד איז **איידל און שטיל**, דארף דאס קינד אויך הילף; אז די קינד **וויל נישט מיט דאווענען** דארף מען שוין גיין צו א גרויסער מומחה און אזוי ווייטער; ווען עס איז אלעס הבל הבלים, ווייל קינדער קענען זיין טאנצעדיג און קינדער קענען זיין איידל, קינדער ווילן נישט דאווענען און קינדער קריגן זיך, און די ארבעט פון די מלמדים, טיטשערס און עלטערן איז זיי מחנך זיין און זיי אויסארבעטן זיי זאלן אויפוואקסן מיט גוטע מידות, **נישט מאכן די קינדער פאר פראבלעמען**, דעריבער איז מיר שווער צו ענטפערן אייער שאלה.

בעט דעם אייבערשטן אינאיינעם מיט דיין ווייב פאר דעם קינד, פאר אלע קינדער און פאר אלע דורות אז זאלן זיין געזונט און שטארק, ערליך, און קיינמאל נישט אוועק גיין פון די הייליגע תורה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים. א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר.

**האב איך נאך אן האפענונג צו זיין גוט?**
**ווי אזוי קען איך העלפן מיין ווייב?**
קוקט ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**